# זהר הקדוש מיט פירוש מתוק מדבש

אויף די פרשה און עניני דיומא

נתנדב לעילוי ולטובת נשמת הר"ר ישעיה ז"ל בן יבלחט"א הר"ר אהרן הכהן הי"ו

לוח עמוד היומי בזוה"ק – פרשת כי תשא

| חלק ט – פרשת פקודי | | |
|---|---|---|
| יום | ווילנא | מתוק מדבש |
| ראשון | רס ע"א | תפו-תצג |
| שני | רס ע"ב | תצג-תק |
| שלישי | רסא ע"א | תק-תקו |
| רביעי | רסא ע"ב | תקו-תקיג |
| חמישי | רסב ע"א | תקיג-תקכ |
| שישי | רסב ע"ב | תקכ-תקכו |
| שב"ק | רסג ע"א | תקכו-תקלא |

יו"ל בעזהשי"ת ע"י
מרכז "מתוק מדבש" ת.ד. 5315 ירושלים

עלון מס' 122 | פרשת כי תשא – פרה תשפ"ג

## הטעם למה אין מונים את ישראל

**לֵית בִּרְכָתָא דִּלְעֵילָּא שַׁרְיָיא עַל מִלָּה דְּאִתְמְנֵי** אין הברכה העליונה שורה על דבר הנמנה, כי הברכה העליונה נמשכת מצד החסד, וכל ענין של מדידה ומנין הוא מצד הגבורה הנותנת מדה וקצבה, **וְאִי תֵּימָא יִשְׂרָאֵל הֵיךְ אִתְמְנוּן** ואם תאמר איך מנו את ישראל, ואמר **אֶלָּא כּוּפְרָא נָטִיל מִנַּיְיהוּ** אלא לקחו מהם כופר נפש, **וְהָא אוֹקְמוּהָ** והרי פירשו ואמרו כי בתחילה היו מקבצים את כל השקלים בארגז אחד, **וְחוּשְׁבָּנָא לָא הֲוֵי עַד דְּאִתְכְּנִישׁ כָּל הַהוּא כּוּפְרָא וְסָלִיק לְחוּשְׁבָּנָא** ואת החשבון לא עשו עד שנתקבץ כל אותו הכסף של הכופר נפש ועלה אח"כ לחשבון, **וּבְקַדְמִיתָא** וקודם שמנו את השקלים **מְבָרְכִין לְהוּ לְיִשְׂרָאֵל** היו מברכים את ישראל כדי לעורר את מדת החסד שדרכו להשפיע ולהתפשט בלי מספר ובלי מדה וקצבה, **וּלְבָתַר מָנִין הַהוּא כּוּפְרָא** ואח"כ היו מונים את הכופר נפש שהם השקלים, **וּלְבָתַר אֲהַדְרָן וּמְבָרְכִין לוֹן לְיִשְׂרָאֵל** ואח"כ היו חוזרים ומברכים את ישראל, **אִשְׁתְּכָחוּ יִשְׂרָאֵל מִתְבָּרְכָאן בְּקַדְמִיתָא וּבְסוֹפָא** נמצאו ישראל מתברכים בתחילה ובסוף, על ידי התעוררות החסד, **וְלָא סָלִיק בְּהוֹן מוֹתָנָא** ולא עלה בהם הנגף.

ושואל **מוֹתָנָא אַמַּאי סָלִיק בְּמִנְיָינָא** למה עולה הנגף על ידי המנין, ואמר **אֶלָּא בְּגִין דְּבִרְכָתָא לָא שַׁרְיָא בְּמִנְיָינָא** אלא לפי שאין הברכה שורה במנין, אלא אדרבה על ידי שנמנה איזה דבר מיד מסתלקת הברכה משם, **כֵּיוָן דְּאִסְתַּלַּק בִּרְכָתָא** וכיון שנסתלקה הברכה, **סִטְרָא אַחֲרָא שַׁרְיָא עֲלֵיהּ וְיָכִיל לְנַזְקָא** הסטרא אחרא שורה עליו לינק מהרושם שנשאר שם ויכול להזיק, **בְּגִין כָּךְ נָטְלִין כּוּפְרָא וּפִדְיוֹנָא** לכן לוקחים כופר נפש ופדיון, **לְסַלְּקָא עֲלֵיהּ**

### אידיש

### דער טַעַם פַאְרוָואס מֶען צֵיילְט נִישְׁט דִי אִידְן

**זָאגְט** דֶער זוהַר הַקָּדוֹשׁ, דִי בְּרָכָה הָעֶלְיוֹנָה רוּט נִישְׁט אוֹיף אַ זַאךְ וָואס אִיז אָפְּגֶעצֵיילְט, וַוייל דִי בְּרָכָה הָעֶלְיוֹנָה קוּמְט פוּן דִי בְּחִינָה פוּן חֶסֶד, אוּן יֶעדֶער זַאךְ פוּן מֶעסְטְן אוּן צֵיילְן אִיז פוּן דִי בְּחִינָה פוּן גְבוּרָה, וָואס זִי גֶעבְּט אַ מָאס אוּן אַ גְרֶענִיץ. אוּן אוֹיבּ וֶועסְטוּ פְרֶעגְן, אַז לוֹיט דֶעם, וִויאַזוֹי הָאט מֶען גֶעצֵיילְט דִי אִידְן. עֶנְטְפֶערְט דֶער זוהַר הַקָּדוֹשׁ, נָאר, מֶען הָאט גֶענוּמֶען פוּן זֵיי כֹּפֶר נֶפֶשׁ, אוֹיסְלֵייז־גֶעלְט, אוּן מֶען הָאט שׁוֹין עֶרְקְלֶערְט אוּן גֶעזָאגְט אַז אִין אָנְהֵייבּ הָאט מֶען צוּזַאמְגֶעקְלִיבְּן אַלֶע שְׁקָלִים אִין אַ קַאסְטְן, אוּן דֶער חֶשְׁבּוֹן הָאט מֶען נִישְׁט גֶעמַאכְט בִּיז עֶס הָאט זִיךְ צוּזַאמְגֶעקְלִיבְּן אַלֶע גֶעלְט פוּן דֶעם כֹּפֶר נֶפֶשׁ אוּן דֶערְנָאךְ הָאט מֶען גֶעמַאכְט דֶעם חֶשְׁבּוֹן פוּן אַלֶעם צוּזַאמֶען, אוּן אֵיידֶער מֶען הָאט גֶעצֵיילְט דִי שְׁקָלִים הָאט

אָן קַיין צָאל אוּן אָן קַיין מָאס אוּן קַיין גְרֶענִיץ, אוּן נָאכְדֶעם הָאט מֶען גֶעצֵיילְט דֶעם כֹּפֶר נֶפֶשׁ וָואס דָאס זֶענֶען דִי שְׁקָלִים, אוּן דֶערְנָאךְ הָאט מֶען נָאכְאַמָאל גֶעבֶּענְטְשְׁט דִי אִידְן. קוּמְט אוֹיס אַז דִי אִידְן וֶוערְן גֶעבֶּענְטְשְׁט אִין אָנְהֵייבּ אוּן בַּיים סוֹף, דוּרְכְן הִתְעוֹרְרוּת פוּן דִי בְּחִינָה פוּן חֶסֶד, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען אוֹיף זֵיי קַיין מָארְד.

**פְרֶעגְט** דֶער זוהַר הַקָּדוֹשׁ, אַז מֶען דַארְף דָאךְ פַארְשְׁטֵיין, פַארְוָואס קוּמְט דֶער מָארְד דוּרְכְן צֵיילְן. עֶנְטְפֶערְט דֶער זוהַר הַקָּדוֹשׁ, נָאר, וִויבַּאלְד דִי בְּרָכָה רוּט נִישְׁט בַּיי אַן אָפְּגֶעצֵיילְטֶע זַאךְ, נָאר פַארְקֶערְט, דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען הָאט אָפְּגֶעצֵיילְט אַ זַאךְ גֵייט דִי בְּרָכָה גְלַייךְ אַוֶועק פוּן דָארְט, אוּן וִוי נָאר דִי בְּרָכָה אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, רוּט דִי סִטְרָא אַחֲרָא אוֹיף דֶעם, צוּ יוֹנֶק זַיין פוּנֶעם רוֹשֶׁם וָואס

**מִנְיָינָא** להעלות ולהעביר את המנין על השקלים למנות אותם ולא את האנשים, **וְהָא אוֹקְמוּהָ וְאִתְּמַר** והרי העמידו חז״ל ואנו למדנו אותו. (דף קפז ע״ב, ובביאורינו כרך ח עמ׳ קג-קד)

## היסורים שבגלות והתשובה מקרבים את הגאולה

**יִשְׂרָאֵל כֵּיוָן דְּאִטְעֲמוּ טַעַם גָּלוּתָא** בני ישראל כיון שטעמו טעם הגלות, **אִי יְהַדְרוּן בִּתְשׁוּבָה** אם יחזרו בתשובה, **יִתְחֲשָׁב עֲלַיְיהוּ כְּאִלּוּ אַעְבְּרוּ עֲלַיְיהוּ כָּל אִינּוּן מִלִּין דִּכְתִיבִין בְּאוֹרַיְיתָא** יתחשב עליהם כאילו עברו עליהם כל אותם דברי התוכחות הכתובים בתורה, **כָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן דְּכַמָּה וְכַמָּה יִסּוּרִין אַעְבְּרוּ עֲלַיְיהוּ מִן יוֹמָא דְּגָלוּתָא שָׁרֵי** כל שכן וכל שכן שכבר כמה וכמה יסורים עברו עליהם מן היום שהתחילה הגלות, בודאי מועילה להם תשובה לקרב את הגאולה.

**אֲבָל מַאי דִּכְתִיב, בַּצַּר לְךָ וּמְצָאוּךְ כֹּל הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה בְּאַחֲרִית הַיָּמִים** ושבת עד ה׳ אלהי״ך, אין הכונה כפשוטו על אחרית הזמנים, כאילו לא יהיה התעוררות תשובה עד אחרית הימים, אינו כן אלא **תָּא חֲזֵי כַּמָּה רַחֲמָנוּתָא רָחִים קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא לְיִשְׂרָאֵל בְּמִלָּה דָּא** בא וראה כמה אהבה אהב הקב״ה לישראל בדבר זה, והוא משל **לְמַלְכָּא דַּהֲוָה לֵיהּ בְּרָא יְחִידָאָה** למלך שהיה לו בן יחיד, **וּרְחִים לֵיהּ רְחִימוּ דְּנַפְשָׁא** ואהב אותו אהבת נפש, **וּמִגּוֹ רְחִימוּ דִּילֵיהּ יָהַב לֵיהּ לְאִמֵּיהּ מַטְרוֹנִיתָא דִּתְרַבֵּי לֵיהּ** ומתוך אהבתו נתן אותו ליד אמו המלכה שתגדל ותחנך אותו, **וְתוֹלִיף לֵיהּ אָרְחִין מִתְתַּקְּנָן** ותלמד אותו דרכים ישרים ומתוקנים, **זִמְנָא חֲדָא חָב לְגַבֵּי אֲבוּהָ** פעם אחת חטא הבן לאביו, **אָתָא אֲבוּהִי וְאַלְקֵי לֵיהּ** בא אביו והלקה אותו, **וּלְבָתַר אַעְבָּר עַל חוֹבֵיהּ** ואח״כ העביר ומחל לו על חטאו, **תָּב כְּמִלְקַדְמִין וְחָב לַאֲבוּהָ** חזר וחטא לאביו כבראשונה, **וְאַפְּקֵיהּ אֲבוּהָ מִבֵּיתֵיהּ** והוציאו אביו מביתו, **וְאַרְגִּיז עֲלֵיהּ** וכעס עליו, **נָפַק הַהוּא בְּרָא מִבֵּיתֵיהּ** יצא בן המלך מביתו.

**וּבְאֲתַר דִּיהָךְ בְּאֹרַח קְשׁוֹט וִיהֵא זַכָּאָה כִּדְקָא יָאוּת** ובמקום שילך בדרך הישר והאמת ויהיה צדיק כראוי להיות, **בְּגִין דְּיִשְׁמַע מַלְכָּא אֲבוּהָ וִיהֵא תִּיאוּבְתֵּיהּ עֲלֵיהּ** כדי שישמע אביו המלך שהולך בדרך הישר ויהיה חשקו

### אידיש

צָאל אויף דִי שְׁקָלִים, צוּ צֵיילְן דִי שְׁקָלִים און נִישְׁט דִי מֶענְטְשְׁן, און חֲזַ״ל הָאבְּן שׁוֹין אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט דֶער זַאךְ און מִיר הָאבְּן עֶס גֶעלֶערְנְט.

### דִי יִסוּרִים אִין גָּלוּת און דִי תְּשׁוּבָה וָואס מֶען טוּט, זֶענֶען מְקָרֵב דִי גְּאוּלָה

**זָאגְט** דֶער זוהַר הַקָּדוֹשׁ, וִויבַּאלְד דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן טוֹעֵם גֶעוֶוען דֶעם טַעַם פוּנֶעם גָּלוּת, אוֹיבּ וֶועלְן זֵיי תְּשׁוּבָה טוּן, וֶועט גֶערֶעכְנְט וֶוערְן פַאר זֵיי כְּאִלּוּ עֶס זֶענֶען אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אוֹיף זֵיי אַלֶע שְׁטְרָאף־רֵייד וָואס שְׁטֵייעֶן אִין דִי תּוֹרָה, און אַוַדַאי און אַוַדַאי נָאכְדֶעם וָואס עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אוֹיף זֵיי אַסַאךְ יִסוּרִים, פוּנֶעם טָאג וָואס דִי גָּלוּת הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן, וֶועט זִיכֶער דִי תְּשׁוּבָה הֶעלְפְן פַאר זֵיי, צוּ דֶערְנֶענְטֶערְן דִי גְּאוּלָה.

**אָבֶּער** דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "בַּצַּר לְךָ וּמְצָאוּךְ כֹּל הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה בְּאַחֲרִית הַיָּמִים וְשַׁבְתָּ עַד ה׳ אֱלֹקֶיךָ", וֶוען עֶס וֶועט דִיר זַיין עֶנְג, און עֶס וֶועלְן דִיר טְרֶעפְן אָט דִי אַלֶע זַאכְן, בַּיי דִי עֶנְדֶע פוּן דִי טֶעג, וֶועסְטוּ דִיךְ צוּרִיקְקֶערְן בִּיזְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן דַיין גָאט - מֵיינְט נִישְׁט דֶער פָּסוּק אַזוֹי וִוי דֶעם פָּשׁוּטְ'ן פְּשַׁט, בַּיים עֶנְדֶע פוּן דִי צַייטְן, און כְּאִלּוּ עֶס וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה בִּיז דִי עֶנְדֶע פוּן דִי טֶעג, זָאגְט דֶער זוהַר הַקָּדוֹשׁ אַז עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, נָאר, קוּם און זֶע, וִויפִיל לִיבְּשַׁאפְט הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ דִי אִידְן אִין דֶער זַאךְ, און דָאס אִיז אַ מָשָׁל צוּ אַ קֶענִיג וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אַן אֵיינְצִיגֶער זוּן, און עֶר הָאט אִים לִיבּ גֶעהַאט אַהֲבַת נֶפֶשׁ, און וֶועגְן זַיין לִיבְּשַׁאפְט הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דֶעם זוּן צוּ זַיין מַאמֶע דִי מַלְכָּה אַז זִי זָאל אִים הָאדֶעוֶוען און עֶרְצִיעֶן, און זִי זָאל אִים אוֹיסְלֶערְנֶען גְלַייכֶע און רֶעכְטְפַארְטִיגֶע וֶועגְן. אֵיינְמָאל הָאט דֶער זוּן גֶעזִינְדִיגְט אַנְטְקֶעגְן דֶעם טַאטְן, אִיז דֶער טַאטֶע גֶעקוּמֶען און הָאט אִים גֶעשְׁלָאגְן, און נָאכְדֶעם הָאט עֶר אִים מוֹחֵל גֶעוֶוען אוֹיף זַיין זִינְד. שְׁפֶּעטֶער הָאט דֶער זוּן נָאכְאַמָאל גֶעזִינְדִיגְט אַנְטְקֶעגְן זַיין טַאטֶע אַזוֹי וִוי פְרִיעֶר, און דֶער טַאטֶע הָאט אִים אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן זַיין הוֹיז, און עֶר הָאט גֶעצֶערְנְט אוֹיף אִים, אִיז דֶער זוּן אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן זַיין הוֹיז.

**און** אַנְשְׁטָאט דֶער זוּן זָאל גֵיין אוֹיפְן רִיכְטִיגְן און אֶמֶתְ'ן וֶועג און עֶר זָאל זַיין אַ צַדִיק אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ

עליו להחזירו אצלו, **מָה עֲבַד** מה עשה בן המלך, **אָמַר הוֹאִיל וְנָפַקְנָא מֵהֵיכָלָא דְּאַבָּא** אמר הואיל ויצאתי מהיכל אבי, **אַעְבִּיד מִכָּאן וּלְהָלְאָה כָּל מָה דַאֲנָא בָּעֵי** אעשה מכאן ולהלאה כל מה שאני רוצה.

(דף קפט ע"א, ובביאורינו כרך ח עמ' קיח-קכ)

## משל על מצב היהודים בגלות

**אָמַר מַלְכָּא הוֹאִיל וְכַךְ הוּא** אמר המלך הואיל וכך הוא שהבן יושב בבית הזונות, **לָא אִצְטְרִיךְ לְאַהַדְרָא לֵיהּ בְּיוֹמָא בְּאִתְגַּלְיָא** אין מן הראוי להחזיר אותו ביום בגלוי בפרהסיא, **דִּכְסוּפָא דִּילָן אִיהוּ לְמֵהַךְ בְּגִינֵיהּ לְבֵי זוֹנוֹת** שבזיון הוא לנו ללכת בשבילו לבית הזונות, **וְאִי לָא הֲוָה כְּגַוְונָא דָּא דְּטִנֵּף גַּרְמֵיהּ הָכִי וְחִלֵּל יְקָרִי** ואם לא היה באופן זה שטינף את עצמו כך וחלל את כבודי, **הֲוֵינָא אֲנָא וְכָל חֲיָילִין דִּילִי אָזְלִין בְּגִינֵיהּ** הייתי אני וכל חיילים שלי הולכים עבורו לפדותו, **בְּכַמָּה יְקָר בְּכַמָּה בּוּקִינָס קַמֵּיהּ** בכמה מיני כבוד בכמה תוקעי בחצוצרות היו הולכים לפניו, **בְּכַמָּה מָאנֵי קְרָבָא מִימִינֵיהּ וּמִשְּׂמָאלֵיהּ** וכמה מיני כלי מלחמה מימינו ומשמאלו היו נושאים אותו, **עַד דְּכָל בְּנֵי עָלְמָא יִזְדַּעְזְעוּן** עד שכל בני העולם היו מזדעזעים מגדולתו, **וְיִנְדְּעוּן כֹּלָּא דִּבְרָא דְּמַלְכָּא אִיהוּ** וידעו כל העולם שהוא בן המלך, אבל **הַשְׁתָּא כֵּיוָן דְּאִיהוּ טִנֵּף גַּרְמֵיהּ וְחִלֵּל יְקָרִי** עתה כיון שהוא טינף עצמו וחלל את כבודי, **אִיהוּ יְהַדַּר בִּטְמִירוּ דְּלָא יִנְדְּעוּן בֵּיהּ** הוא יחזור בהסתר שלא ידעו העולם בחזרתו.

**אַהְדָּר לְגַבֵּי מַלְכָּא** חזר בן המלך אל אביו המלך, **יַהֲבֵיהּ לְגַבֵּי אִמֵּיהּ** נתן אותו אל אמו שתשגיח עליו, **לְיוֹמִין סָרַח כְּמִלְקַדְמִין** לימים חטא כמקודם, **מָה עֲבַד מַלְכָּא** מה עשה המלך, **אַפִּיק לֵיהּ וּלְאִמֵּיהּ בַּהֲדֵיהּ מִגּוֹ הֵיכָלָא** הוציא אותו ואת אמו אתו יחד מן היכל המלך, **אָמַר תַּרְוַויְיכוּ תְּהָכוּן** אמר שניכם תלכו **וְתַרְוַויְיכוּ תִּסְבְּלוּן גָּלוּתָא וּמַלְקִיוּתָא תַּמָּן** ושניכם תסבלו גלות ומלקות שם בגולה, כי **כֵּיוָן דְּתַרְוַויְיכוּ תִּסְבְּלוּן כַּחֲדָא** כיון ששניכם תסבלו יחד, **כְּדֵין יָדַעְנָא דִּבְרִי יְתוּב כִּדְקָא חָזֵי** אז יודע אני שבני ישוב בתשובה שלימה כראוי, כי אמו תשגיח עליו יותר.

## אידיש

זַיין, כְּדֵי זַיין טַאטֶע דֶער קֶענִיג זָאל הֶערְן אַז עֶר גֵייט אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג און עֶר זָאל גְלוּסְטְן צוּ אִים און אִים צוּרִיקְבְּרֶענְגֶען צוּ זִיךְ, וָואס הָאט דֶער בֶּן הַמֶּלֶךְ גֶעטוּן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט, וִיבַּאלְד אִיךְ בִּין אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּנֶעם פַּאלַאץ פוּן מַיין טַאטֶע, וֶועל אִיךְ טוּן פוּן יֶעצְט און וַוייטֶער אַלֶעס וָואס אִיךְ וִויל.

### אַ מָשָׁל אוֹיפְן צוּשְׁטַאנְד פוּן אִידְן אִין גָלוּת

**הָאט** דֶער קֶענִיג גֶעזָאגְט, אוֹיבּ עֶס אִיז אַזוֹי, אַז מַיין זוּן זִיצְט אִינֶעם הוֹיז פוּן דִי זוֹנוֹת, אִיז נִישְׁט פַּאסִיג אַז אִיךְ זָאל אִים צוּרִיקְבְּרֶענְגֶען בַּייטָאג אָפֶענֶערְהֵייט, וַוייל עֶס אִיז אַ שַׁאנְד פַאר אוּנְז צוּ גֵיין פַאר זַיינֶעטְוֶועגְן צוּם הוֹיז פוּן דִי זוֹנוֹת, און אוֹיבּ וָואלְט עֶס נִישְׁט גֶעוֶוען אוֹיף אַזַא אוֹפָן אַז עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי פַארְשְׁמִירְט און פַארְשְׁוֶועכְט מַיין כָּבוֹד, וָואלְט אִיךְ גֶעגַאנְגֶען צוּזַאמֶען מִיט אַלֶע מַיינֶע סָאלְדַאטְן אִים אוֹיסְצוּלֵייזְן, און מִיט אַסַאךְ סָארְטְן כָּבוֹד און מִיט פִילֶע בְּלָאזֶער מִיט טְרוּמְפֵּייטֶער וָואלְטְן מִיר גֶעגַאנְגֶען פַאר אִים, און מִיט פִילֶע כְּלֵי מִלְחָמָה פוּן זַיין רֶעכְטֶע זַייט

און פוּן זַיין לִינְקֶע זַייט וָואלְט מֶען אִים גֶעטְרָאגְן, בִּיז אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דִי וֶועלְט וָואלְטְן דֶערְצִיטֶערְט גֶעוָוארְן פוּן זַיין גְרוֹיסְקַייט, און דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וָואלְט גֶעווּאוּסְט אַז עֶר אִיז דֶער בֶּן הַמֶּלֶךְ, אָבֶער יֶעצְט וִויבַּאלְד עֶר הָאט זִיךְ פַארְשְׁמִירְט און הָאט פַארְשְׁוֶועכְט מַיין כָּבוֹד, וֶועט עֶר זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט אַז דִי וֶועלְט זָאל נִישְׁט וִויסְן וֶוען עֶר קֶערְט זִיךְ צוּרִיק.

**אִיז** דֶער זוּן פוּנֶעם קֶענִיג צוּרִיקְגֶעקוּמֶען צוּ זַיין טַאטֶע דֶער מֶלֶךְ, און עֶר הָאט אִים גֶעגֶעבְּן צוּ זַיין מַאמֶע אַז זִי זָאל זִיךְ אוּמְקוּקְן אוֹיף אִים, און מִיט אַ צַייט שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעזִינְדִיגְט אַזוֹי וִוי פְרִיעֶר. וָואס הָאט דֶער קֶענִיג גֶעטוּן? הָאט עֶר אִים גֶענוּמֶען צוּזַאמֶען מִיט זַיין מַאמֶע און זֵיי בֵּיידֶע אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּנֶעם קֶענִיגְלִיכְן פַּאלַאץ, און עֶר הָאט גֶעזָאגְט, אִיר וֶועט בֵּיידֶע גֵיין, און אִיר וֶועט בֵּיידֶע לַיידְן גָלוּת און קְלֶעפּ דָארְט אִין גָלוּת, און וִיבַּאלְד אִיר וֶועט בֵּיידֶע לַיידְן צוּזַאמֶען, דֶעמָאלְטְס וֵוייס אִיךְ אַז מַיין זוּן וֶועט טוּן תְּשׁוּבָה שְׁלֵמָה אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, וַוייל זַיין מַאמֶע וֶועט מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אִים.

**כָּךְ יִשְׂרָאֵל בְּנוֹי דְּמַלְכָּא קַדִּישָׁא אִינּוּן** כמו כן בני ישראל הם בניו של המלך הקדוש ב״ה, **אָחִית לוֹן לְמִצְרַיִם** הוריד אותם למצרים, **וְאִי תֵּימָא בְּהַהוּא זִמְנָא לָא חָאבוּ** ואם תאמר הרי באותו הזמן לא חטאו ולא ירדו למצרים בשביל איזה חטא, ואם כן מה טעם לגלות מצרים, ואמר אלא **גְּזֵרָה דְּגָזַר קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בֵּין הַבְּתָרִים הֲוָה אִתְחֲזֵי לְמֶהֱוֵי קַיָּים** הגזרה שגזר הקב״ה בין הבתרים היתה ראויה שתתקיים, **וְקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אַשְׁגַּח לִתְרֵין מִלִּין** כי הקב״ה השגיח בענין גלות מצרים לשני דברים, **חַד בְּגִין הַהוּא מִלָּה דְּאָמַר אַבְרָהָם** אחד בשביל דיבור ההוא שאמר אברהם **בַּמָּה אֵדַע כִּי אִירָשֶׁנָּה, דָּא הוּא** (דף קפט ע״ב) **סִבָּה וְעִילָּה** זה היה סיבה ועילה הראשונה שירדו למצרים, **אֲבָל** עיקר הטעם שהיו צריכים לירד למצרים היה כי **עַד דְּנָפְקוּ מִמִּצְרַיִם לָא הֲוֵי גּוֹי וְלָא אִתְחֲזוּ כִּדְקָא יָאוּת** עד שיצאו ישראל ממצרים לא היו עדיין גוי ולא נראה שלימותם כראוי, אלא היו נשמותיהם כענין הזהב הנוצר בבטן האדמה שכשמוציאים אותו הוא מלא טינוף וסיגים דבר אשר לא ישוער ולא תואר זהב לו ולא הדר לו, עד שיתחכם הצורף להגות סיגים מזהב פעם אחר פעם זיכוך אחר זיכוך עד אשר כל הסיגים נפרדים מן הזהב, ואחר כך ניכר היותו זהב, כך ישראל על ידי קושי השעבוד במצרים נתבררו ונזדככו מתערובות הסיגים שהיה מעורב בהם עד שנעשו גוי קדוש, כמו שהבטיח הקב״ה ליעקב אבינו ברדתו למצרים (בראשית מו ג) כי לגוי גדול אשימך שם.

(דף קפט, ע״א-ע״ב ובביאורינו כרך ח עמ׳ קכ קכב)

# שבת פרה

## סוד פרה אדומה בירור הניצוצות

**פָּרָה אֲדוּמָּה תְּמִימָה וְגוֹמֵר** והוציא אותה אל מחוץ למחנה וגו׳, ושרף את הפרה לעיניו וגו׳, טעם הדבר **בְּגִין לְאַכְפְּיָא כָּל אִינּוּן סִטְרֵי מְסָאֲבָא דְּלָא יִשְׁלְטוּן** כדי להכניע על ידי זה את כל כחות הטמאים שלא ישלטו עוד, **אָמַר לֵיהּ רַבִּי אַבָּא** שאל מרבי אלעזר, **וְהָא פָּרָה קַדִּישָׁא אִיהִי דַּכְיָא אִיהִי** שהרי הפרה קדושה היא וטהורה,

## אידיש

**און** דער נמשל איז, אַז די אידישע קינדער זענען די קינדער פונעם מֶלֶךְ, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, און ער האט זיי אַראָפּגענומען קיין מִצְרַיִם, און אויב ווֶעסטו פרעגן אַז דעמאלטס האבן זיי נישט געזינדיגט און זיי זענען נישט אַראָפּגעגאנגען קיין מִצְרַיִם צוליב אַ זינד, און אויב אַזוי, דארף מען פארשטיין פארוואס די אידן זענען אַראָפּגעגאנגען קיין מִצְרַיִם, נאר, זאגט דער זוהר הַקָּדוֹשׁ, אַז די גְּזֵרָה וואס דער אויבערשטער האט גוזר געווען ביי די בְּרִית בֵּין הַבְּתָרִים האט געדארפט מְקוּיָם ווערן, ווייל דער אויבערשטער האט זיך אומגעקוקט אויף צוויי זאכן איגעם ענין פון גָּלוּת מִצְרַיִם, די ערשטע איז וועגן דאס וואס אַבְרָהָם האט געזאגט "בַּמָּה אֵדַע כִּי אִירָשֶׁנָּה", וויאַזוי וועל איך וויסן אַז איך וועל יַרְשְׁ'נען אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, און דאס איז געווען די ערשטע טַעַם פאר דעם וואס די אידן זענען אַראָפּגעגאנגען קיין מִצְרַיִם, אָבער דער עִיקָר טַעַם וואס זיי האבן געדארפט אַראָפּגיין קיין מִצְרַיִם איז געווען ווייל ביז די אידן זענען אַרויסגעגאנגען פון מִצְרַיִם זענען די אידן נאכנישט געווען קיין פאלק און זיי זענען נישט געזען געווארן מיט זייער שְׁלֵימוּת אַזוי ווי עס דארף צו זיין, נאר זייערע נְשָׁמוֹת זענען געווען צוגעגליכן צו דאס גאלד וואס ווערט געשאפן אינעווייניג אין די ערד, וואס ווען מען נעמט עס אַרויס איז עס פול מיט שמוץ און עס איז בִּכְלָל נישט חָשׁוּב, עס האט נישט קיין געשטאלט פון גאלד און עס האט נישט קיין שיינקייט, ביז דער שמיד קומט מיט זיין קלוגשאפט און ער נעמט אַרויס די שמוץ פון די גאלד איינמאל און נאכאַמאל און ער לייטערט עס אויס ביז אַלע שמוץ גייט אַוועק דערפון, און דעמאלטס זעט מען אַז עס איז גאלד, אַזוי אויך די אידן, דורכן שווערן אונטערטעניגונג אין מִצְרַיִם זענען זיי אויסגעלייטערט געווארן פון די שמוץ וואס איז געווען אויסגעמישט אין זיי, ביז זיי זענען געווארן אַ הייליג פאלק, אַזוי ווי דער אויבערשטער האט צוגעזאגט צו יַעֲקֹב אָבִינוּ ווען ער איז אַראָפּגעגאנגען קיין מִצְרַיִם, "כִּי לְגוֹי גָּדוֹל אֲשִׂימְךָ שָׁם", איך וועל דיר דארט מאכן פאר אַ גרויסן פאלק.

### דער סוֹד פון פָּרָה אֲדוּמָּה איז דאס מְבָרֵר זיין די נִצוֹצוֹת

**עס** שטייט אין פָּסוּק "פָּרָה אֲדֻמָּה תְּמִימָה וְגוֹ' וְהוֹצִיא אֹתָהּ אֶל מִחוּץ לַמַּחֲנֶה וְגוֹ', וְשָׂרַף אֶת הַפָּרָה לְעֵינָיו וְגוֹ'", אַ רויטע קו וואס איז גאנץ, און ער זאל איר אַרויסנעמען אינדרויסן פונעם מַחֲנֶה, און ער זאל פארברענען די קו אַנטקעגן זיינע אויגן. זאגט דער זוהר הַקָּדוֹשׁ, אַז דער טַעַם דערפון איז, כְּדֵי אַז דורכדעם זאל ער מַכְנִיעַ זיין אַלע כֹּחוֹת הַטְּמֵאִים אַז זיי זאלן מער נישט קענען

כי היא רומזת על המלכות הקדושה [השכינה], אם כן **וְאַמַּאי** למה היה צריך לשרפה מחוץ למחנה, **אָמַר לֵיהּ** רבי אלעזר, **הָכִי הוּא** כן הוא כדבריך, **וְהָא אוּקְמוּהָ** והרי כבר ביארוהו החברים, כי **כְּלָלָא דְאַרְבַּע מַלְכְוָון הֲוַת פָּרָה** כללות של ד׳ מלכויות שהם סוד ד׳ קליפות נרמזות בפרה אדומה, כי ישראל ירדו בגלות בין הד׳ מלכויות והשכינה עמהם כדי לברר מהם את הניצוצין קדישין, **כְּמָה דְאַתְּ אָמַר כִּי כְּפָרָה סוֹרֵרָה סָרַר יִשְׂרָאֵל** כי ישראל חטאו כפרה סוררה, ועל ידי זה הלכו ישראל בגלות עם השכינה בד׳ מלכויות הנרמזות בענין פרה אדומה, כי פרה רומזת על השכינה, וכאשר ישראל הם סוררים משפיעים בה הדינים. [וכו׳]

**וְרָזָא דְמִלָּה דָא** סוד ענין הפרה אדומה הוא, **אַף עַל גַּב דְּכַמָּה מִלִּין אִתְיְהִיבוּ לְמִדְרַשׁ בַּקְּרָאֵי** ואף על פי שכמה דברים ניתנו לדרוש בפסוקים של פרשת פרה אדומה, אבל **כֻּלְּהוּ חַד** הכל הוא ענין אחד של בירור הנצוצין מקליפת נוגה, כי **הָא אִתְּמַר דִּכְתִיב** הרי למדנו על מש״כ **מִי יִתֵּן טָהוֹר מִטָּמֵא לֹא אֶחָד** ומפרש כי **מִי יִתֵּן טָהוֹר** (דף רלז ע״ב) **מִטָּמֵא, רָזָא דָא הָכִי הוּא** סוד זה כך הוא, **דְּדָא אִיהוּ טָהוֹר דְּנָפַק מִטָּמֵא** שזהו טהור שיצא מטמא, והיינו **דְּהָא בְּקַדְמִיתָא טָמֵא** כי בתחילה קודם שנתבררו ממנה הניצוצין קדישין היתה בבחי׳ טמא, **וְהַשְׁתָּא דְאִתְעֲבִיד בֵּיהּ דִּינָא** ועתה שנעשה בה דין, **וְאִתְיְהִיב לִיקֵידַת אֶשָּׁא בְּנוּרָא דְדָלִיק וְאִתְעֲבִיד עָפָר** וניתנה לשריפת אש באש דולקת ונעשית עפר, ונתבררו ממנה הניצוצין, **הַשְׁתָּא אִיהוּ טָהוֹר מִטָּמֵא** דהיינו **טָהוֹר דְּנָפִיק מִטָּמֵא** דהיינו הניצוצין שיצאו מקליפת נוגה הטמאה.

**וּבְגִין כָּךְ** ובשביל שהפרה רומזת על השכינה המתלבשת בקליפת נוגה, לכן **כָּל אִינּוּן דְּמִשְׁתַּדְּלֵי בָהּ כֻּלְּהוּ מִסְתַּאֲבֵי** כל אלו שעוסקים בשריפת הפרה כולם נטמאים בה, **דְּהָא הָכִי הוּא וַדַּאי** כי כן הוא ודאי שכל העוסקים בפרה נטמאים בה לפי שעוסקים בענין בירור הניצוצין מהקליפה, **וְכֵיוָן דְּאִתְעֲבִיד אֵפֶר** וכיון שהפרה נעשית אפר, **כְּדֵין עַד**

## אידיש

גֶעוֶועלְטִיגְן. הָאט רַבִּי אַבָּא גֶעפְרֶעגְט פַאר רַבִּי אֶלְעָזָר, אַז אֵייגֶנְטְלִיךְ אִיז דָאךְ דִי פָּרָה הֵיילִיג אוּן רֵיין, וַוייל זִי אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע בְּחִינָה פוּן מַלְכוּת [הַשְּׁכִינָה], אוּן אוֹיב אַזוֹי, פַארְוָואס הָאט מֶען אִיר גֶעדַארְפְט פַארְבְּרֶענֶען אִינְדְרוֹיסְן פוּנֶעם מַחֲנֶה? הָאט אִים רַבִּי אֶלְעָזָר גֶעעֶנְטְפֶערְט, עֶס אִיז אַזוֹי וִוי דַיינֶע וֶוערְטֶער, אוּן דִי חֲבֵרִים הָאבְּן עֶס שׁוֹין עֶרְקְלֶערְט, וַוייל דִי כְּלָלוּת פוּן דִי פִיר קֶענִיגְרַייכְן וָואס זַיי זֶענֶען דֶער סוֹד פוּן דִי פִיר קְלִיפּוֹת, זֶענֶען מְרֻמָּז אִין דִי פָּרָה אֲדוּמָה, וַוייל דִי אִידְן זֶענֶען אַרָאפְּגֶעגַאנְגֶען אִין גָּלוּת צְוִוישְׁן דִי פִיר קֶענִיגְרַייכְן אוּן דִי שְׁכִינָה אִיז אַרָאפְּגֶעגַאנְגֶען מִיט זַיי כְּדֵי צוּ אוֹיסְקְלוֹיבְּן פוּן זַיי דִי נִצוֹצִין קַדִּישִׁין, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "כִּי כְּפָרָה סוֹרֵרָה סָרַר יִשְׂרָאֵל", וַוייל דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט אַזוֹי וִוי אַ וִוידֶערְשְׁפֶּענִיגֶע קוּ, אוּן דוּרְכְדֶעם זֶענֶען דִי אִידְן גֶעגַאנְגֶען אִין גָּלוּת, צוּזַאמֶען מִיט דִי שְׁכִינָה אִין דִי פִיר קֶענִיגְרַייכְן וָואס זַיי זֶענֶען מְרֻמָּז אִינֶעם עִנְיָן פוּן דִי פָּרָה אֲדוּמָה, וַוייל דִי פָּרָה אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי שְׁכִינָה, אוּן וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען וִוידֶערְשְׁפֶּענִיג זֶענֶען זַיי מַשְׁפִּיעַ אוֹיף אִיר דִי דִּינִים [וְכוּ׳].

**אוּן** דֶער סוֹד פוּנֶעם עִנְיָן פוּן דִי פָּרָה אֲדוּמָה אִיז, אַז כָאטְשׁ מֶען קֶען דַרְשֶׁ'נֶען אַסַאךְ זַאכְן אִין דִי פְּסוּקִים פוּן דִי פָּרָשָׁה פוּן פָּרָה אֲדוּמָה, אָבֶער אַלֶעס אִיז דֶער זֶעלְבֶּער עִנְיָן פוּן מְבָרֵר זַיין דִי נִצוֹצִין פוּן דִי קְלִפַּת נֹגַהּ, וַוייל מִיר הָאבְּן שׁוֹין גֶעלֶערְנְט אִיבֶּער דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "מִי יִתֵּן טָהוֹר מִטָּמֵא לֹא אֶחָד", וִויאַזוֹי אִיז מֶעגְלִיךְ אַז דָאס וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן עֶפֶּעס וָואס אִיז טָמֵא זָאל זַיין טָהוֹר, אוּן קֵיין אֵיינֶער פוּן זַיי אִיז נִישְׁט טָהוֹר, עֶרְקְלֶערְט דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, אַז דֶער סוֹד דֶערְפוּן אִיז אַזוֹי, "מִי יִתֵּן טָהוֹר מִטָּמֵא", אַז דֶער אִיז אַ טָהוֹר וָואס אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן אַ טָמֵא, דָאס הֵייסְט, וַוייל אִין אָנְהֵייבּ אֵיידֶער עֶס אִיז נִתְבָּרֵר גֶעוָוארְן דִי נִצוֹצִין קַדִּישִׁין פוּן אִיר אִיז זִי גֶעוֶוען אִין דִי בְּחִינָה פוּן טָמֵא, אָבֶער יֶעצְט וָואס עֶס אִיז גֶעטוּן גֶעוָוארְן אִין אִיר אַ דִּין, אוּן זִי אִיז אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן צוּ אַ פַארְבְּרֶענוּנְג פוּן פַייעֶר, אוּן זִי אִיז גֶעוָוארְן עֶרְד, אוּן עֶס זֶענֶען נִתְבָּרֵר גֶעוָוארְן פוּן אִיר דִי נִצוֹצִין, אִיז זִי יֶעצְט אַ טָהוֹר וָואס אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן אַ טָמֵא, דָאס מֵיינְט מֶען דִי נִצוֹצִין וָואס זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּנֶעם קְלִפַּת נֹגַהּ וָואס אִיז טָמֵא.

**אוּן** דֶערְפַאר, וִויבַּאלְד דִי פָּרָה אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי שְׁכִינָה וָואס וֶוערְט נִתְלַבֵּשׁ אִין דִי קְלִפַּת נֹגַהּ, דֶערִיבֶּער, אִיז אַלֶע וָואס בַּאשֶׁעפְטִיגְן זִיךְ מִיטְן פַארְבְּרֶענֶען דִי פָּרָה, וֶוערְן אַלֶע טָמֵא דוּרְךְ אִיר, וַוייל אַזוֹי אִיז עֶס זִיכֶער, אַז אַלֶע וָואס בַּאשֶׁעפְטִיגְן זִיךְ מִיטְן פָּרָה וֶוערְן טָמֵא דוּרְךְ אִיר, וִויבַּאלְד זַיי בַּאשֶׁעפְטִיגְן זִיךְ מִיטְן מְבָרֵר זַיין דִי נִצוֹצִין פוּן דִי קְלִיפָּה, אוּן וִויבַּאלְד דִי פָּרָה וֶוערְט אַשׁ, דֶעמָאלְטְס,

**דִּיתְכְּנִישׁ וְיִסְתְּלִיק מִתַּמָּן מְסָאִיב לְכֻלְּהוּ** אז עד שלא היו אוספים ונוטלים את אפר הפרה ממקום שריפתה, עדיין היה מטמא את כל העוסקים בו, **כְּמָה דְּאַתְּ אָמַר** כמו שנאמר **וְכִבֶּס הָאוֹסֵף וְגוֹמֵר וְטָמֵא** לפי שהמקום הוא מקום הקליפה.

ושאל **אֵפֶר מַאי טַעְמָא** מה הטעם שהפרה היתה צריכה להשרף לאפר, והשיב **כְּמָה דְּאַתְּ אָמַר** כמו שנאמר **וְעַסּוֹתֶם** (לשון מעוך וכתוש) **רְשָׁעִים כִּי יִהְיוּ אֵפֶר תַּחַת כַּפּוֹת רַגְלֵיכֶם** פי' אחר שנתבררו ונטהרו הרשעים בגיהנם יהיו אפר, הרי כשמתברר הניצוץ נעשה השאר אפר, לכן היו צריכים לשרוף את הפרה עד שתהיה אפר, כדי לברר את הניצוצין מקליפת נוגה, **וְכֵיוָן דְּאִתְיְהִיב עַל הַהוּא אֵפֶר מַיִם** וכיון שניתן על זה האפר מים שהם סוד החסדים שעי"ז נמתקים הדינים הקדושים שהם סוד האפר, **כְּדֵין אִיהוּ טָהוֹר מְטַמֵּא** אז הוא נעשה טהור מטמא, כלומר שנמתקו הדינים על ידי מימי החסדים. (פקודי דף רלז ע"א-ע"ב, ובביאורינו כרך ט עמ' רו-רח)

## אידיש

בִּיזְווילַאנְג מֶען הָאט צוּזַאמְגֶענוּמֶען דִי אַשׁ פוּנֶעם קוּ פוּן דָארְט וואוּ מֶען הָאט עֶס פַארְבְּרֶענְט, הָאט עֶס נָאךְ אַלֶץ מְטַמֵּא גֶעוֶוען אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן זִיךְ בַּאשֶׁעפְטִיגְט דֶערְמִיט, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וְכִבֶּס הָאֹסֵף וְגוֹ' וְטָמֵא", אוּן דֶער וָואס הָאט צוּזַאמְגֶענוּמֶען דִי אַשׁ פוּנֶעם קוּ, זָאל זַיין טָמֵא, וִויבַּאלְד דָאס אִיז דֶער אָרְט פוּן דִי קְלִיפָּה.

**פְרֶעגְט** דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, וָואס אִיז דֶער טַעַם אַז דִי פָּרָה הָאט גֶעדַארְפְט פַארְבְּרֶענְט וֶוערְן צוּ אַשׁ, עֶנְטְפֶערְט דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, אַז דָאס אִיז אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וְעַסּוֹתֶם רְשָׁעִים כִּי יִהְיוּ אֵפֶר תַּחַת כַּפּוֹת רַגְלֵיכֶם", אוּן אִיר וֶועט צוּקְוֶועטְשְׁן דִי רְשָׁעִים וַוייל זֵיי וֶועלְן זַיין אַשׁ אוּנְטֶער דִי פְלַאכְן פוּן אַייעֶרע פִיס, דָאס מֵיינְט אַז נָאכְדֶעם וָואס דִי רְשָׁעִים זֶענֶען אוֹיסְגֶעלַייטֶערְט גֶעוָוארְן אוּן רֵיין גֶעוָוארְן אִין גֵיהִנֹּם, וֶועלְן זֵיי זַיין אַשׁ, זֶעעֶן מִיר אַז וֶוען דֶער נִצוֹץ וֶוערְט נִתְבָּרֵר וֶוערְט דָאס אִיבֶּערִיגֶע אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּ אַשׁ, דֶערִיבֶּער הָאט מֶען גִידַארְפְט פַארְבְּרֶענֶען דִי פָּרָה בִּיז זִי זָאהְל וֶוערְן אַשׁ כְּדֵי צוּ מְבָרֵר זַיין דִי נִצוֹצִין פוּנֶעם קְלִפַּת נֹגַהּ, אוּן וִויבַּאלְד מֶען הָאט אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט אוֹיף דִי אַשׁ, וַואסֶער, וָואס דָאס אִיז פוּנֶעם סוֹד פוּן חֲסָדִים, וָואס דוּרְכְדֶעם וֶוערְן זִיס דִי הֵיילִיגֶע דִינִים וָואס זֵיי זֶענֶען דֶער סוֹד פוּן אֵפֶר, דֶעמָאלְטְס וֶוערְט עֶס "טָהוֹר מְטַמֵּא", דָאס הֵייסְט אַז דִי דִינִים וֶוערְן זִיס דוּרְךְ דִי וַואסֶערְן פוּן דִי בְּחִינָה פוּן חֲסָדִים.

## שבח דא שירתא

דֶער לִמּוּד פוּן סֵפֶר הַזֹּהַר אִיז מֶער דֶערְהוֹיבְּן וִוי יֶעדֶער אַנְדֶערֶער לִמּוּד, אֲפִלּוּ אוֹיבּ מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס מֶען זָאגְט, אוּן אֲפִלּוּ אוֹיבּ עֶר הָאט גְרַייזְן בַּיים לֵיינֶען, אוּן עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶער תִּקּוּן פַאר דִי נְשָׁמָה, וַוייל כָאטְשׁ דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אִיז דָאךְ דִי נֶעמֶען פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אִיז עֶס נִתְלַבֵּשׁ גֶעוָוארְן אִין פִילֶע דֶערְצֵיילוּנְגֶען, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ וָואס לֵיינְט אוּן פַארְשְׁטֵייט דִי דֶערְצֵיילוּנְגֶען, לֵייגְט זַיין גֶעדַאנְק אוֹיפְן פְּשׁוּטְ'ן פְּשַׁט, אָבֶּער דֶער סֵפֶר הַזֹּהַר אִיז דָאךְ דִי סוֹדוֹת אַלֵיין אַנְטְפְּלֶעקְטֶערְהֵייט, אוּן דֶער וָואס לֵיינְט אִין דֶעם וֵוייסְט אַז זֵיי זֶענֶען סוֹדוֹת אוּן סִתְרֵי תּוֹרָה, נָאר עֶס אִיז נִישְׁט פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ, צוּלִיבּ דִי קוּרְצֶע הַשָּׂגָה פוּנֶעם לֵיינֶער אוּן דֶעם טִיפְקַייט פוּנֶעם מֻשָּׂג.

(מורה באצבע, סימן ב' אות מ"ד, וכעין זה בנפש חיים מערכת ז')


צו באקומען דעם גליון יעדע וואך שיקט א אימייל צו:
3022233@gmail.com

הַזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ ע"פ "מָתוֹק מִדְּבַשׁ" הפירוש הנפלא שהתקבל בכל תפוצות ישראל


קלענערע סעט – מהדורת ר' הערשל וועבער (In 7/5)


גרויסע סעט (In 9.5/6.5)


"ובלכתך בדרך" פארמאט 70 כרכים מהדורת ר' יוסף צבי בערנער (In 6.5/4.5)

פאר דעליווערי רופט: 845.664.5168 www.matokmidvash.com